# הדרך הישרה

עלון לחיזוק דרך חסידות חב"ד
כפי שהורונו רבותינו נשיאינו

גליון ד' • י"ט כסלו תשע"א

# חסידות ענינה עבודת הלב

## חסידות הוא רק כאשר מביא לעבודה, אם לאו "איז דאס קיין חסידות ניט"

י"ט כסלו תרצ"ג

אמת הדבר דענין התורה איז אז אפילו מיא האלט ניט בא דעם, דאס הייסט אז ער זאגט אותיות התורה ולא ידע מאי קאמר, איז דאס אויך תורה וואס אזוי איז אויך אין תורת החסידות אז קאמר ולא ידע מאי קאמר, איז דאס אויך תורה, און אז מיא קומט הערין חסידות הגם מיא פארשטייט וויניק, אבער א ווארט בלייבט און קאן בריינגען און בריינגט רוב טוב, וואס עס איז זייער גוט.

אבער דער אמת לאמיתו איז, בא חסידות אז מיא האלט ניט בא דעם, איז דאס ניט חסידות, כי החסידות עושה חסיד, חסידות מאכט פאר חסיד, און די חסידות וואס פועלט ניט אז מיא זאל ווערין א חסיד אדער לכל הפחות א הכרה אין מדות חסידות, איז דאס ניט דער ענין פון חסידות, דאס קאן מען רופין ידיעה הבנה חכמה אבער ניט דאס איז חסידות, חסידות דארף מאכן אז מיא זאל זיין א חסיד מיט מדות חסידות און אויב ניט איז דאס קיין חסידות ניט...

וואס מכל האמור וועט מען פארשטין אז עס איז א הפרש בין גליא שבתורה לפנימיות התורה, דבגליא שבתורה יש חילוקים בענינים וסוגיות והיינו שיש דרגות בהבנה, וענין עבודת האדם להכשיר עצמו לעלות בהשגה וידיעה, והיינו אשר לבד קיום ההלכות הנוגעים לפועל צ"ל גם הידיעה כו', ופנימיות התורה העיקר הוא העבודה בהכשרת עצמו לקבל עול, טאן אפילו וואס מיא פארשטייט ניט, והיינו שיהי' המסירה ונתינה לחסידות וואס במילא גם באיש פשוט טוען זעך די ענינים אפ ויא דער אמת איז...

לקוטי דיבורים ח"א ע' 48

## ההשכלה הכי גדולה של חסידות צריך לבא ב׳בכן בפועל׳

ש"פ שלח תשכ"ח

וואס דאס איז דער אופטו פון תורה, ווי עס שטייט אין ספרי מוסר, א סיפור פון אריסטו, אז מען האט אים אמאל געפונען טאן א נידעריקע זאך, האט מען אים געפרעגט מאי האי, דו ביסט דאך אריסטו, וואס דא ביסטו ארויס געגאנגען מיט א נייע שיטה אין מוסר, ווי טוסטו אזא ענין שפל וכו', און דו האסט נים מורא מען וועט דיר כאפן. האט ער געענטפערט אז איצטער איז ער ניט אריסטו, בעת ער לערנט וכו', דעמאלט איז ער א חכם וכו', איצטער אבער איז ער אנאנדערער.

תורה אבער זאגט ניט אזוי, נאר ווי דער רמב"ם זאגט אז החכם ניכר ניט בלויז בשעת ער לערנט, נאר וואו, באכילתו, ובשתייתו וכו' און בשעת ער גייט שפאצירן, אמת טאקע אז קבל את האמת ממי שאמרו, פונדעסטוועגן אבער דארף זיך עס אויס זאגן אין אלע ענינים וואס ער טוט.

און כידוע הפתגם אז די גרעסטע השכלה פון חסידות דארף ארויס קומען אין א בכן בפועל.

ומכלל הן אתה שומע לאו, אויב עס קומט ניט ארויס אין אלע ענינים, דעמאלט אפי' בשעת ער לערנט, איז אויך ניט קיין חכם, ווארום אויב עס פעלט אין רגל, פעלט עס בדרך ממילא אויך אין ראש.

שיחו"ק תשכ"ח ח"ב ע' 240

# 'צעירי החסידים' הלומדים בדרכים משלהם • הגיע הזמן לעלות אל האמת

י"ט כסלו תרצ"ג

דרך החסידות היא דרך סלולה, עס איז ב"ה א ברייטע אויפגיפלאסטערטע גיזונטע ריינע וועג, מער ניט בסיבות שונות פון די צעירי החסידים, וואס לערנען חסידות מיט אייגענע דרכים, איז דערפון ח"ו וואקסט אן גרעזעלאך אויף דעם דרך סלולה. דאס הייסט דער אייגענער איך (אני) וואס דאס איז דער אני פון השגה, דער אני וואס איז ר"ל דוחק רגלי השכינה, דאס מאכט חסידות אויס חסידות, וכנ"ל חסידות אהן עבודה בפועל במדות טובות איז קין חסידות ניט, (נאר בשופטני לא עסקינן, מן הסתם איז אזא לימוד החסידות ניט פראן (שזהו ההפרש בין חכמה דקדושה לחכמה דלעו"ז) נאר אין איינצעלטע פאלין, ובעזה"י מוז מען דאס פאריכטין, און השי"ת יעזור)...

אמאל איז גיווען חסידות עבודה, אין די התחלה איז גיוועןמיט זיך, און איצטער איז פראן אזעלכע וואס די חסידות איז בא זיי א רוממות (פשוט ישות) און די התחלת העבודה איז פון יענעם לבטל את זולתו, וואס דאס איז היפך החסידות ממש, ובכל זאת אין ליפול ברוח, מיא דארף זיין צוגיבונדין צו חסידות און אז מיא איז צוגיבונדין פאלט מען ניט, אבער עס איז שיים צייט ארוף קומען על האמת.

לקוטי דיבורים ח"א ע' 55 ואילך

# מעלת דא"ח לנטוע יראת שמים • מעלת עבודה על השכלה • תענוג מיוחד בעבודה

בשנת תר"ן הי' הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק לומד ברבים שיעור קבוע בדא"ח - שלש פעמים בשבוע ביום הראשון, השלישי והחמישי בשבת בביהכנ"ס הנקרא "דער קליינער זאל" - מאמרי פרשת השבוע מ"תורה אור". השומעים היו כעשרה איש שהי' להם איזה ידיעה בדא"ח, והשאר היו פשוטים שהבינו מעט מזעיר.

דרך לימודו הי', אשר טרם שנגש ללמוד הי' מרציא את הענין שילמדו, ובהרצאתו זאת הי' כל תכן נושא הלימוד, ובעת הלימוד כאשר סליק ענינא הי' חוזר בקצרה על נושא הלימוד, ואחר הלימוד הי' חוזר בקצרה על הלימוד. ואחר כל לימוד הי' מדגיש איזה ענין של עבודה מהמאמר שלמדו ועל הרוב הי' מסיים באיזה ספור או שיחה קצרה ומענינת. הלימוד בכלל והשיחות והספורים בפרט, פעלו על השומעים ואחדים מהם התחילו לעסוק בעבודה להאריך בתפלה ולהתנהג בדרכי החסידים.

החסיד ר' חנוך הענדיל הי' לומד בכל יום בין מנחה למעריב פרק תניא ברבים. אופן לימודו הי' מלבב מאד, ובעניני עבודה הי' מאריך בביאורים והסברים של דברי מוסר שעשו רושם כביר על השומעים. בין שומעי לימודו היו אברכים ובחורים מאזרחי העיר שהיו פשוטים ביותר, ואעפ"כ פעל עליהם הלימוד לטובה כ"כ עד שנתעלו ביראת שמים והנהגה.

ובהתועדות של חסידים פעם א' הרבה ר' חנוך הענדיל לדבר על אדות האברכים שהתחילו להתעסק בעבודה שבלב ועל אדות האברכים הפשוטים שהטיבו דרכם בהנהגה וביראת שמים. וירבה אז לדבר בשבח לימוד דא"ח ותועלתו לנטוע יראת שמים והנהגה טובה גם באנשים פשוטים, ויספר אשר זקני החסידים היו אומרים שלימוד פרק תניא מזכך את האויר ומאיר במרחק של חמשים פרסא.

החסיד רמ"מ טשערנין דיבר אז במעלתם של אנשים פשוטים, אשר כשהחסידות פועלת עליהם הוא נעלה יותר מכמו פעולת החסידות על בני תורה.

כל חסיד וחסיד - אמר הרח"ה - צריך להשתדל לפעול איזה פעולה טובה בחברו בעניני חסידות הן בלימוד והן בעבודה, ואפילו אם תהי' הפעולה קטנה ביותר מ"מ היא מביאה תועלת מרובה. איש כפרי אנכי מנעורי - אמר הרח"ה - ומכיר אנכי בעבודת האדמה ובעניני זריעה ויודע אנכי אשר כל הקרקעות צריכים לחרישה ומטר, אבל יש ארץ זיבורית אשר אף שגם בה יש כח הצומח להצמיח כמו בקרקע עידית, מ"מ צריכים עצות שונות איך לגלות כח הצומח שבה, ואחת העצות היא שמזבלין אותה ואז נותנת את יבולה, הרי שגם עבודה פשוטה מביאה תועלת מרובה, ואם כן הנה גם העובד הפשוט יש לו חלק גדול בטיב הצמיחה.

ומכיון ששמע החסיד רמ"מ טשערנין את המשל הזה מפי הרח"ה, נזכר בהתועדות החסידים שהיתה בשמחת בית השואבה שנת תרל"ב בעיר באריסאוו אצל החסיד ר' שמואל דובער המשפיע בהתועדות ההיא היו כמה מנכבדי החסידים, מהם משכילים ומהם עובדים.

הרשד"מ שיבח אז את ענין העבודה והרים את מעלתה למעלה הרבה על השכלה, ויאמר כי כל ענין ההשכלה אינו אלא בשביל העבודה, והמשיל את ענין העבודה לשדה זרועה וגן עושה פירות, ואת ההשכלה לדבר שבה מטיבין את הקרקע, אשה עם היות שעי"ז מתגלה יותר כח הצומח אעפ"כ הרי כח הצומח הוא בארץ דוקא.

הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק אמר לי חסידים קענען האבן גאר איין אנדער געשמאק אין א ענין פון עבודה, מען בעדארף נאר מעורר זיין.

אג"ק ריי"צ ח"ד ע' ע"א

לקבל עלון זה באימייל, נא להודיע:

HaderechHayeshara@gmail.com